STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01967

DZSHEYN EDEMS

Rayzl Beiles

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דזשיין עדעמס

פון רייזל ביילעס

ISBN:0-657-01967-4
Old Call No.,97-292 v.

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1939.

Copyright by the
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE
OF THE JEWISH SECTION, I.W.O.
80 Fifth Avenue, New York, N. Y.
February, 1939

געדרוקט אין 3,000 עקזעמפּלאַרן

דזשיין עדעמס

.1

אין 1860, אין די שווערע יאָרן פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע, אין די יאָרן פון בירגער־קריג, אין דער צייט ווען אַמעריקע האָט נאָך געהאַט אויף זיך דעם גרויסן פלעק — נעגער־שקלאַפעריי — איז אין דער שטאָט, פון וואַנען עס קומט דער גרויסער נעגער־באַפרייער, לינקאָלן, געבוירן געוואָרן אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט דעם גליק איר נאָמען זאָל ברייט און ווייט באַקאַנט ווערן ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט. די פרוי איז געווען דזשיין עדעמס.

דזשיין עדעמס עלטערן זיינען געווען פּיאָנערן אין אילינאָי. זיי זיינען געקומען פון פּענסילווייניע. אמת, זי, דזשיין עדעמס, האָט זיך ניט געקענט באַרימען, אַז אירע אורעלטערן זיינען געקומען אויף דער „מייפלאַוער", דערפאַר אָבער האָט אירער אַן עלטער־זיידע געקעמפט קעגן ענגלאַנד אין דער צייט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. איר פאָטער, דזשאַן עדעמס, וועמען זי האָט שטאַרק ליב געהאַט, איז אויך געווען אַ פרייהייטס־קעמפער. ניט איין נעגער־שקלאַף, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין האַר, האָט דזשאַן עדעמס אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין הויז און אים געהאָלפן זיך אַריבער־כאַפּן איבער דער גרענעץ קיין קאַנאַדע. דזשיינס פאָטער האָט אין גאַנצן נאָכגעפאָלגט לינקאָלנס פּאָליטיק. ער איז זיבן מאָל דערוויילט געוואָרן אַלס רעפּובליקאַנער סענאַטאָר אין דעם סענאַט פון אילינאָי. ניט בלויז לינקאָלן איז געווען זיין אידעאַל פון אַ באַ־פרייער. דזשיין דערציילט ווי איין מאָל, ווען זי איז אַלט געווען צוועלף יאָר, איז זי אַריינגעקומען אין דעם צימער וואו איר פאָטער איז געזעסן און האָט אים געטראָפן אַ פאַרוויינטן. זי האָט איר פאָטער ביז דאַן קיינמאָל ניט געזען וויינען. ווען זי האָט אים געפרעגט די סיבה פון זיין וויינען, האָט ער איר דערקלערט, אַז דער גרויסער פרייהייט־קעמפער פון איטאַליע, דזשוזעפּאַ מאַציני, איז

געשטאָרבן. אזוי, אַז מ׳קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דזשיין ערעמס האָט איר געפיל פאַר די אָרעמע און אונטערדריקטע און די גרייט־קייט צו קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג געירשנט פון איר פאָטער.

.2

אַלס קליין קינד האָט דזשיין דורכגעמאַכט די שווערע קראַנקהייט — טיפוס. איר רוקן־ביין איז פון דעם אָנגעגריפן געוואָרן. אזוי, אַז זי איז געבליבן שוואַך און אָפּגעצערט. נאָך דער קראַנקהייט הייבט זי אָן דענקען, אַז זי איז זייער מיאוס. ס׳אַנטוויקלט זיך ביי איר אַ ביסל אַ מעלאַנכאָליע. צוזאַמען מיט דעם הייבט זיך פון דער קינדהייט אָן ביי איר אַנטוויקלען אַ שטאַרקע אחריות פאַר אירע מיטמענטשן. אין אירע שפּעטערדיקע יאָרן באַשרייבט זי ווי אַלס קינד פון זעקס יאָר חלומט זיך איר, אַז די גאַנצע מענטשהייט איז אומגעקומען. (פאַרשטייט זיך, אַז די מענטשהייט איז ביי איר באַשטאַנען פון דעם קליינעם שטעטל סידערוויל, אילינאָי.) זי איינע איז געבליבן לעבן. זי וויל זייער שטאַרק די מענטשהייט זאָל אויפשטיין תחית המתים, און כדי די מענטשן זאָלן אויפשטיין תחית המתים איז נויטיק, אַז זי אַליין זאָל מאַכן אַ ראָד צו אַ צעבראָכענעם וואָגן. און זי, אַ זעקס־יאָריק קינד, שטעלט זיך אַוועק און קוזניע מאַכן אַ ראָד.

.3

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דזשיין איז נאָך איר קראַנקהייט געבליבן צוריקגעצויגן און מעלאַנכאָליש, מאַכט זי דורך די דערציאונג און באַקומט אַ בילדונג, ווי אַ נאָרמאַלע מיידל פון איר קרייז אין יענער צייט. זי לערנט אין ראָקספאָרד סעמינאַר, גראַדו־אירט פון דאָרטן אין יאָר 1881. מערסטע מיידלעך, וואָס גראַדואירן מיט איר צוזאַמען, זיינען געוואָרן מיסיאָנערקעס אין צוריק־געשטאַנענע לענדער. דזשיינען רעדט מען אויך צו זי זאָל ווערן אַ מיסיאָנערקע אין טערקיי. מיסיאָנערסקע אַרבעט אַפּעלירט אָבער ניט צו איר. זי באַשליסט שטודירן מעדיצין. זי פאָרט אַוועק קיין פילאַדעלפיע און טרעט אַריין אין מעדיצינישן פאַקולטעט. אַנאַ־

טאָמיע קלעפּט זיך אָבער ניט צו איר. דערוויל ווערט זי ווידער קראַנק אויפן רוקן און ווערט במילא געצוואונגען אויפצוגעבן דעם שטודיום. זי קרענקט אַפּ אַ לענגערע צייט. אַזוי שנעל ווי זי קומט אַ ביסל צו זיך שיקט מען זי אַוועק קיין איראָפּע זיך דערהאָלן.

זי באַזוכט פאַרשיידענע לענדער, לערנט איראָפּיאישע שפּראַכן, באַזוכט קונסט־גאַלעריעס און פאַרשיידענע קאַטעדראַלן. דורך דער גאַנצער צייט עגבערט איר אָבער אין מוח: „וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל זיין מיין גאַנג אין לעבן?" איינס איז זי געווען זיכער, אַז זי קען ניט און וועט ניט פירן דאָס לעבן פון אַ פּוסט־און־פּאַסניצע. ס'האָט אָבער נאָך גענומען עטלעכע יאָר ביז דזשיין עדעמס האָט געפונען איר וועג אין לעבן.

אויף איר צווייטן באַזוך אין איראָפּע איז דזשיין עדעמס איינמאָל דורכגעפאָרן דורך אַ מאַרק אין די לאָנדאָנער סלאָמס. זי האָט דאָרטן דערזען אַ סצענע, וואָס האָט אַ קירעווע געגעבן איר געדאַנקען־גאַנג אין אַ נייער ריכטונג. זי האָט דערזען פאַר זיך דעם וועג, אויף וועלכן איר לעבן דאַרף אַוועקגיין: ס'איז געווען שבת, שפּעט אויף דער נאַכט. אין מאַרק זיינען געבליבן אַ סך קאַליע־געוואָרענע פּראָדוקטן. די קרעמער האָבן די פּראָדוקטן פאַרקויפט פאַר אַ קלייניקייט. די פּראָצעדורע פון פאַרקויפן איז אָבער ניט געווען קיין געוויינלעכע. די קרעמער האָבן אויסגעשריען די פּרייזן און די קונים זיינען געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין דער הויך. די קרעמער האָבן געוואָרפן די פּראָדוקטן און ווער פון די קונים ס'האָט פריער געכאַפּט, דער האָט דאָס געקויפט. דזשיין האָט דערזען פאַר זיך אַ וואַנט מיט אויסגעשטרעקטע הענט. ס'ווערט איר מיט אַ מאָל קלאָר, אַז מיט אַזעלכע מענטשן ווי די, וואָס שטייען מיט אויסגעשטרעקטע הענט און כאַפּן שפּייז, דאַרף זי פאַרבינדן איר גורל.

.4

אין יענער צייט האָבן זיך צווישן דער געבילדעטער און אַריסטאָקראַטישער באַפעלקערונג אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע אָנגעהויבן אַרויסרוקן מענטשן, וואָס האָבן דערפילט אין זיך דעם פאַרלאַנג צו גיין אין פאָלק און העלפן די אָרעמע מאַסן פאַרבעסערן

און פֿאַרשענערן זייער לעבן. אין לאָנדאָן האָט שוין פֿון עטלעכע יאָר עקזיסטירט די „טאָינבי האָל". דאָס איז געווען אַ סעטלמענט־הויז, וואָס געפֿינט זיך אין דעם אָרעמען געגנט פֿון לאָנדאָן. די אַרבעט ווערט דאָרטן אָנגעפֿירט פֿון אַ גרופּע אַריסטאָקראַטישע יונגעליט און מיידלעך, וואָס העלפֿן די אָרעמע שכנים פֿון געגנט זיך דערהויבן אויף אַ העכערן קולטורעלן ניוואָ. דזשיין עדעמס באַזוכט די דאָזיקע אינסטיטוציע, באַקענט זיך מיט זייער אַרבעט. זי פֿאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, קומט אָן קיין שיקאַגאָ, רעדט זיך צונויף מיט איר זייער אינטימער שול־חברטע עלען גייטס סטאַר. זיי באַשליסן צו גרינדן אַן ענלעכע אינסטיטוציע ווי דער „טאָינבי האָל" צווישן דער אימיגראַנטישער באַפֿעלקערונג אין שיקאַגאָ.

.5

שיקאַגאָ האָט צו יענער צייט געהאַט אַ באַפֿעלקערונג פֿון איין מיליאָן מענטשן. די שטאָט האָט זיך געבויט מיט אַ ראַשיקער טעמפּאָ. ס'זיינען אין שיקאַגאָ דאַן געווען אַ סך קולטור־אינסטיטוציעס. ס'זיינען אויך געווען גרויסע געשעפֿט־אונטערנעמונגען. די באַפֿעלקערונג פֿון שיקאַגאָ איז אָבער געווען זייער אַ צעטיילטע. זיבעציק פּראָצענט זיינען געווען אימיגראַנטן און דרייסיק פּראָצענט אַמעריקאַנער. די געשעפֿטן, דאָס געלט, די פּאָליטישע מאַכט און דאָס גאַנצע וואוילזיין איז געלעגן אין די הענט פֿון די דרייסיק פּראָצענט. די גאַנצע שווערע, שוואַרצע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן פֿון די זיבעציק פּראָצענט. די זיבעציק פּראָצענט האָבן געהאַט גענוג אַרבעט, אָבער שכירות זיינען געווען מיזעראַבעלע. די געלט־זעק האָבן דאַן פּונקט ווי איצט רעגירט איבער שיקאַגאָ. דעם קאַמף פֿון די לייבאָר־יוניאָנס פֿאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעט־טאָג האָט מען באַטראַכט פֿאַר אַנאַרכיע. די רייכע, און ספּעציעל די אַרבעטער, האָבן נאָך דאַן ניט פֿאַרגעסן די היימאַרקעט־טראַגעדיע פֿון יאָר 1886. דעם האַס וואָס די געלט־מענטשן האָבן געטראָגן אויף די מאַרטירער פֿון דער היימאַרקעט־טראַגעדיע האָבן זיי אויסגעלאָזן צו די פֿרעמד־געבוירענע.

איז צווישן אָט־די זיבעציק פּראָצענט, צווישן די פֿאַרשפּיגענע און אונטערדריקטע אין שיקאַגאָ, צווישן די אימיגראַנטן האָט

דזשיין עדעמס צוזאמען מיט צוויי פון אירע איבערגעגעבנסטע חברטעס אין יאָר 1889 געגרינדעט דאָס סעטלמענט־הויז, וואָס איז איצט ברייט און ווייט באַקאַנט אַלס דאָס „האָל־הויז".

.6

דורך דעם „האָל־הויז" באַקענט זיך דזשיין עדעמס מיט אַלע נויטן פון די איינוואוינער פון דעם געגנט. זי באַזוכט זייערע הייזער, קוקט אַריין טיף אין זייער לעבן, דערזעט דעם גאַנצן שווידער פון דעם לעבן פון די אָרעמע אימיגראַנטן פון יענער צייט. זי דערזעט די טראַגעדיע פון אַ סך אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַרויס־געריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען פון דעם פּלאַץ וואו זיי זיינען געבוירן געוואָרן, וואו זיי האָבן געחלומט זייערע חלומות און זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם אומדערטערגלעכן שמעלץ־טאָפּ פון אַ גרויסער אַמעריקאַנער אינדוסטריעלער שטאָט. זי זעט ווי שווער עס פּראַצעווען די דאָזיקע אימיגראַנטן און דאָך קענען זיי ניט פּאַרדינען גענוג אויף חיונה פאַר ווייב און קינדער. זי האָט געזען אַ סך היימען וואו אויך די פרוי און די עטוואָס־אונטערגעוואַקסענע קינדער גייען אוועק אַרבעטן, כדי מ'זאָל זיך קענען ווי עס איז דורכלעבן. ס'דערוועקט אין איר די גאַנצע אחריות, וואָס זי האָט צו אירע מיטמענטשן. זי הייבט אָן קעמפן פאַר געזעצן, וואָס זאָלן גרינגער מאַכן דאָס שווער לעבן פון די אימיגראַנטן אין די סוועט־שעפּער. דאָס „האָל־הויז" ווערט די סיגנאַל־סטאַנציע פאַר אַ סך געזעצן, וואָס ווערן אָנגענומען פריער אין שיקאַגאָ, דערנאָך אין שטאַט און שפּעטער איבערן גאַנצן לאַנד. ס'איז ניטאָ קיין איין רעפאָרם, וואָס איז דורכגעפירט גע־וואָרן אין שיקאַגאָ לטובת די אימיגראַנטן און אַרבעטער, אַז דזשיין עדעמס זאָל ניט זיין אין דעם פאַרטראָטן. אָדער זי אַליין איז געווען די איניציאַטאָרין, אָדער זי האָט צוגעלייגט אַ האַנט.

.7

פּונקט ווי דזשיין עדעמס איז געווען פאַראינטערעסירט אין אַלע פאַזן פון געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט: לטובת די אימיגראַנטן

און אַרבעטער, פּונקט אַזוי האָט דאָס „האָל־הויז״ געדינט ווי אַן עיר־מקלט, אָדער בעסער געזאָגט—אַ טריבונע פֿאַר אַלע פּאַסירונגען פֿון פּראָגרעסיווע אידייען. ס׳איז ניט געווען קיין איין וויכטיקע פּערזענלעכקייט פֿון פּראָגרעסיוון געדאַנק אין אַמעריקע, אָדער אייראָפּע, וועלכע זאָל ניט האָבן באַזוכט דאָס „האָל־הויז״ און דאָרטן אויסגעדריקט אירע מיינונגען און אידעאַלן.

דאָס „האָל־הויז״ איז באַזוכט געוואָרן פֿון אַזאַ מין סימפּאַטישער פּערזענלעכקייט ווי דער אַנאַרכיסט פּעטער קראָפּאָטקין; פֿון דעם רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אויף אַזאַ מין איינפּעלערישן אופן אַנטלאָפן פֿון קאַטאָרגע, גרעגאָרי גערשוני; ווי אויך פֿון דעם פּרייהייט־קעמפער פֿאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע, פּראָפּעסאָר מאַסאַריק. אויך אַמעריקאַנער קעמפער האָבן דאָרטן געפּרידיקט זייערע אידעאַלן. דאָס וואָרט פֿון הענרי דזשאָרדזש איז דאָרטן אָפט געהערט געוואָרן פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער „סינגל־טעקס״ אידייע. סידני הילמאַן, דער איצטיקער פּרעזידענט פֿון דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן, איז דאָרטן געווען אַן אָפטער אַריינגייער. דזשיין עדעמס האָט אים צוזאַמען מיט די אָנפֿירנדיקע אַרבעטער געהאָלפֿן שאַפֿן פּלענער אויף אויסצוקעמפֿן בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען.

.8

וואָכ פֿאַר אַ פּאַסירונג פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן פּראָגרעסיוון כאַראַקטער ס׳זאָל ניט געווען פֿאָרקומען אין אַמעריקע, איז דזשיין עדעמס וואָרט אַלע מאָל געווען אויף דער זייט פֿון די גערעכטע. אַזוי האָט פּאַסירט ווען גאָרקי מיט זיין פֿרוי, מיט וועלכער ער איז ניט געווען געזעצלעך פֿאַרהייראַט, זיינען געקומען אויף אַ באַזוך קיין אַמעריקע. די צאַרישע אַגענטן האָבן זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט גאָרקין פֿאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. האָבן זיי צוזאַמען מיט דער געלער פּרעסע פֿון אַמעריקע צוגעגרייט פֿאַר גאָרקין דעם ריכטיקן ברוך הבא. ווען ער איז געקומען האָט מען אים געגעבן אַזאַ אויפֿנאַמע, אַז ס׳איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז אַ ציוויליזירט לאַנד זאָל אַזוי האַנדלען. האָט זיך איבער אַלע ווילדע קולות דערהערט דזשיין עדעמס ערלעך וואָרט.

.9

אזוי ווי דזשיין עדעמס האָט געהאַלטן, אַז פולשטענדיקע דעמאָקראַטיע איז די העכסטע דערגרייכונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און דער ערשטער באַדינג פאַר דעמאָקראַטיע איז די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע בירגער, דעריבער האָט זי שטאַרק געקעמפט פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי דאָ אין לאַנד. זי איז צוזאַמען מיט דער קעמפערין פאַר פרויען־רעכט, קערי טשאַפמאַן קעט, אַרויסגעטראָטן פאַר קאָמיטעס פון קאָנגרעס און אין סענאַט און אויך פאַר נאַציאָנאַלע פּאַרטיי־קאָנווענשאָנס און געפאָדערט די גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי.

דזשיין עדעמס האָט אויך אָרגאַניזירט פרויען־קלובן אין „האָל־הויז". אַלע סעטלמענטס איבערן לאַנד האָבן איר נאָכגעטאָן. פון די קלובן איז אַרויסגעוואַקסן די נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון פרויען־קלובן, וואָס האָט געקעמפט און אויסגעקעמפט גלייכע רעכט פאַר דער פרוי דאָ אין לאַנד.

.10

דאָס „האָל־הויז" האָט צוגעצויגן צו זיך, ווי מיט אַ מאַגנעט, אימיגראַנטן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסברענגען דאָס שענסטע און בעסטע פון דער קולטור, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון אייראָפּע, און איינזאַפן אין זיך די אַמעריקאַנישע קולטור. אין „האָל־הויז" זיינען די אימיגראַנטן ווי פאַרברידערט געוואָרן. זיי זיינען געוואָרן ווי איין אינטערנאַציאָנאַלע משפחה. איז נאַטירלעך, אַז דער קאָפּ פון דעם אַלעמען, דזשיין עדעמס, זאָל וועלן זען אַזאַ מין ברידערלעכע באַציאונג און צוזאַמענלעבונג צווישן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן ניט נאָר אין „האָל־הויז", נאָר איבער דער גאַנצער וועלט. ס'איז געווען נאַטירלעך זי זאָל קעמפן פאַר אַ פּערמאַנענטן שלום צווישן אַלע פעלקער.

.11

אין 1899 ווערט אין האאַג, האָלאַנד, געגרינדעט דער וועלט־געריכט צו שליכטן סכסוכים צווישן פאַרשיידענע פעלקער. די פאַר־

אייניקטע שטאַטן איז געווען דאָס ערשטע לאַנד צו שליכטן אַ סכסוך מיט מעקסיקאָ אין דעם וועלט־געריכט. דזשיין עדעמס איז געווען אַן אָנהענגערין פון דעם וועלט־געריכט פון דעם ערשטן טאָג וואָס ער איז געגרינדעט געוואָרן. ווען אין 1915 ווערט אין וואַשינגטאָן אָרגאַניזירט די פרויען שלום־פּאַרטיי, ווערט דזשיין עדעמס דערוויילט אַלס די פּאָרזיצערין. שפּעטער אין דעם זעלבן יאָר ווערט זי געשיקט אַלס דעלעגאַט צו דעם פרידן־קאָנגרעס אין האאג. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס, אויף וועלכע פּרעזידענט ווילסאָן האָט שפּעטער געבויט זיינע פערצן פּונקטן. ווען דזשיין עדעמס איז צוריקגעקומען קיין אַמעריקע האָט זי אָנגעשריבן אַ בוך וועגן אירע דערפאַרונגען ביים פרידן־קאָנגרעס. קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן וועגן איר בוך.

12.

ווען אַמעריקע איז אַריין אין דער וועלט־מלחמה, איז דזשיין עדעמס דאָ ניט געווען צו שטאַרק באַליבט. מ׳האָט דאַן זייער שטאַרק אויפגעבלאָזן דעם מלחמה־פּאַטריאָטיזם, און אַ מענטש ווי דזשיין עדעמס, וואָס האָט געקעמפט פאַר פרידן, איז געווען ווי אַ דאָרן אין אויג ביי די מלחמה־צינדער. די דאָזיקע באַציאונג האָט איר אָבער ניט אָפּגעהאַלטן פון טאָן אַרבעט. זי האָט גערעדט און אַגיטירט דערפאַר, אַז אַמעריקע זאָל שיקן שפּייז פאַר די הונגעריקע אין די חרוב־געוואָרענע לענדער.

מיר געפינען אויך דזשיין עדעמס, אין יאָר 1920, אין דער סיוויל ליבערטיס יוניאָן, וואָס איז אַזוי אומפּאָפּולער און פאַרהאַסט פון די קאַפּיטאַליסטן און מענטשן וואָס פאַרשטייען ניט זייערע אייגענע אינטערעסן. די סיוויל ליבערטיס יוניאָן האָט זיך געגרינדעט כדי צוריק איינצושטעלן אין אַמעריקע יענע אַלע פרייהייטן, צו וועלכע די בירגער זיינען באַרעכטיקט לויט דער קאָנסטיטוציע און וואָס זיינען צוגענומען געוואָרן ביי זיי דורך דער צייט פון דער מלחמה־היסטעריקע. מ׳האָט דאַן דזשיין עדעמסן אויסגעוואָרפן אַזעלכע חטאים, ווי אַז די סיוויל ליבערטיס יוניאָן האָט געזאַמלט אַ פאָנד און פאַרטיידיקט אַזאַ מין מענטשן ווי

וויליאם ז. פאסטער; אז די סיוויל ליבערטיס יוניאן האט גענומען א פאזיטיווע שטעלונג אין דער פארטיידיקונג פון מר. סקאופס, אין דעם בארימטן „מאנקי־טרייעל" אין דייטאן, טענעסי. אזוי אז מ'האט דזשיין עדעמס צוזאמען מיט הערי ווארד, דעם פאר־זיצער פון דער סיוויל ליבערטיס יוניאן, געהאלטן כמעט ווי פאר באלשעוויקעס.

.13

דער נאמען „פרויען שלום־פארטיי", פון וועלכער דזשיין עדעמס איז אין 1915 דערווײלט געווארן אלס פארזיצערין, איז נאך דעם יאר 1919 געביטן געווארן אויף „אינטערנאציאנאלע פרויען־ליג פאר פרידן און פרייהייט". די געמיטער פון אלע די פעלקער, וואס האבן אנטייל גענומען אין דער וועלט־מלחמה, זיינען נאך דאן געווען אויפגערייצט. די מלחמה־היסטעריקע איז נאך דאן ניט געווען איינגעשטילט. דאך גייט די ליג פאר פרידן און בעסערער פארשטענדיקונג צווישן פעלקער אן מיט איר ארבעט. די אינטער־נאציאנאלע פרויען־ליג האלט אפ א קאנגרעס אין 1923. דזשיין עדעמס לאזט זיך דאן ארויס אויף א טור איבער דער וועלט צו אגיטירן פאר א פערמאנענטן פרידן און א בעסערער פארשטענדיקונג צווישן פעלקער. זי קומט דערנאך צוריק קיין אמעריקע. זי ווערט פארדאמט פאר איר ארבעט און „בלעקליסטעד" פון אזעלכע אר־גאניזאציעס ווי די „דאטהערס אוו די אמעריקאן רעוואלוושאן" און דער „אמעריקאן לידזשאן".

די עפנטלעכע מיינונג אין אמעריקע איז נאך דאן געווען פאר־סמט מיט מלחמה־פאטריאטיזם. יעדער ארויסטריט פאר פרידן איז פארדאמט געווארן. אפילו אזוי שפעט ווי אין 1929 איז די יידיש־אונגארישע פרוי, ראזיקא שווימער, אנטזאגט געווארן פון דעם רעכט צו ווערן אן אמעריקאנער בירגערין אויף דעם גרונט פון פאציפיזם. אין דעם זעלבן חודש האט מען צוליב דער זעלבער אורזאך אנטזאגט בירגערשאפט דעם קאנאדישן פראפעסאר מעקינ־טאש פון יעיל אוניווערזיטעט. דער צעשטערנדיקער פאטריאטיזם האט אריינגעדרונגען טיף אין דעם באוואוסטזיין פון די מענטשן אין די אימפעריאליסטישע לענדער, אזוי אז ס'פאדערן זיך א סך אזעלכע ווי דזשיין עדעמס צו באקעמפן דעם דאזיקן געפיל.

צחוץ שטיינער פאַר איר גוטער אַרבעט קריגט דזשיין עדעמס אויך אַ סך ליבע און אָנערקענונג. אין יאָר 1927 מאַכן די „פּריינט פון פרידן" אין שיקאַגאָ פאַר איר אַ באַנקעט. דאָרטן איז געווען פאַרטראָטן די גאַנצע סמעטענע פון דער אינטעלעקטועלער שיקאַגאָ. איין פּראָפעסאָר זאָגט וועגן דזשיין עדעמס אַזוי: „דזשיין עדעמס איז דער אויסדרוק פון אַלץ דאָס בעסטע וואָס ס'איז דאָ אין דעם פּרויעקטום אין אַמעריקע. אויב איר דענקט, אַז ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ שטאַטסמאַן אָן אַ פּאַרטעל, אַ פּראָפעסאָר אָן אַ קאַפעדרע און אַ פרוי אַ פירערין אין אַ וועלט וואָס ווערט רעגירט פון מענער, אויב איר דענקט, אַז דאָס אַלץ איז אוממעגלעך, גיט אַ קוק אויף דזשיין עדעמס."

אין 1931 קריגט דזשיין עדעמס אָנערקענונג ניט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אויך אין איראָפּע. זי באַקומט אַ העלפט פון דעם נאָבעל־פּרייז פאַר פרידן. די גרויסע סומע געלט פון זעכצן טויזנט דאָלער, וואָס איר חלק האָט באַטראָפן, שענקט זי אַוועק אויף ווייטער אָנפירן דעם קאַמף פאַר פרידן.

אין 1934, אַ קורצע צייט פאַר דזשיין עדעמס טויט, האָט מרס. רוזוועלט געמאַכט אַ באַנקעט לכבוד דער 20־יאָריקער עקזיסטענץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־ליגע. דאָרטן ווערט אויסגעדריקט די פולע אָנערקענונג פון דזשיין עדעמסעס אַרבעט פאַר דעם געדאַנק פון פרידן אויף דער וועלט. מרס. רוזוועלט זאָגט: „ס'איז אַ גרויסע פּריווילעגיע צו לעבן אין איין צייט מיט אַזאַ מענטשן ווי דזשיין עדעמס." סידני הילמאַן דריקט זיך אויס וועגן דזשיין עדעמס אַזוי: „דזשיין עדעמסעס לעבן איז געווען ווי אַ לייכטטורעם אין דעם איצטיקן טונקעלן פּעריאָד פון אונדזער געשיכטע. זי איז געווען דער צענטער פון אַלע שענסטע אונטערנעמונגען פון דעם מענטשלעכן גייסט אין אונדזער צייט." די ווערטער פון אָסוואַלד גאַריסאָן ווילאַרד, רעדאַקטאָר פון דעם ליבעראַלן זשורנאַל „די ניישאָן", זיינען געווען די פאָלגנדע: „מיר דאַרפן זיך שטאַרק איבערנעמען, וואָס אונדזער צייט און אונדזער לאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי דזשיין עדעמס."

דזשיין עדעמס ענטפער אויף די אַלע באַגריסונגען איז געווען:

„מיר, די מענטשן וואָס גאַרן נאָך פרידן, דערוואַרטן ניט צו בייטן די מענטשלעכע נאַטור. מיר האָפן נאָר צו בייטן די מענטשלעכע אויפפירונג. מעגלעך, אַז מיר זיינען נאָך אַלץ ווייט פון אַ פּער־מאַנענטן פרידן. מעגלעך, אַז מיר האָבן נאָך אַ היפּש ביסל אַרבעט צו דערציען די מאַסן און אויפצואוועקן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג צום געדאַנק פון אַ שטענדיקן פרידן. דערפאַר אָבער שטעלט די אַרבעט צו אַ פּראָבע אונדזער אויסדויער־פיאיקייט און אונדזער מאָראַלישע פליכט. מיר דאַרפן זען דאָס אויפהאַלטן און אָנגיין מיט דער אַרבעט. איך פיל צווישן די מאַסן אַ מין רעוואָלט קעגן מלחמה אַלס אַ שטענדיקע אינסטיטוציע. דאָך לײדן מיר נאָך אַלץ פון אַ מין מלחמה־פּסיכאָלאָגיע. אמת, די אַרמייען זיינען נאָך דער מלחמה דעמאָביליזירט געוואָרן, אָבער ניט די מלחמה־פּסיכאָ־לאָגיע. דאָס ערגסטע וואָס אַ מלחמה טוט צו דער מענטשהייט איז ניט דאָס, וואָס גיפטיקע גאַזן פאַרסמען אַזויפיל מענטשן און שטעט ווערן צעשטערט, נאָר דאָס ערגסטע איז דער גיפט, וואָס מלחמה לאָזט איבער אין די מוחות פון דער מענטשהייט. אין פאַל פון נאָך אַ מלחמה מוזן מיר זיין גרייט זי צו באַקעמפן ניט נאָר מיט פּאָליטישע אינסטיטוציעס, ווי די „ליג אָוו ניישאָנס" און דעם וועלט־געריכט, נאָר מיר דאַרפן זיין גרייט מיט אַן אַנטוויקלטער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, וואָס זאָל באַקעמפן דעם דאָזיקן גיפט."

אויף מאָרגן נאָך דער פייערונג האָט מען לכבוד דער געלעגנ־הייט געמאַכט אַן אינטערנאַציאָנאַלן „הוק־אַפּ" אויף דער ראַדיאָ. ס'האָבן גערעדט די בעסטע פאַרשטייער פון כמעט אַלע רעגירונגען פון דער וועלט אַלס קעמפער פאַר פרידן. פון מאָסקווע האָט גערעדט לענינס אלמנה, קרופּסקאַיאַ.

דעם 13טן מיי, 1935, איז דזשיין עדעמס פאַרשלאָפן געוואָרן. מ'האָט איר אָפּערירט און געפונען אַ לאַנג־יאָריקן קענסער אין אירע געדערים. אירע אָנצאָליקע פריינט האָבן געבעטן אויף איר דעם טויט, ווייל לעבן מיט אַזאַ קענסער איז אַ כסדרדיקע אַגאָניע. זי האָט זייער שטאַרק געקעמפט מיטן טויט. ס'איז אָבער געווען אַ פאַרלאָרענער קאַמף. דינסטיק, דעם 21טן מיי איז אויסגעגאַנגען די ליכטיקע פערזענלעכקייט פון דזשיין עדעמס.

מ'האָט געבראַכט איר קערפער אין „האָל־הויז". טויזנטער אַר־בעטער זיינען געקומען איר אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד. איין גריך,

וואָס איז געקומען געבן דעם לעצטן קוק אויף איר, האָט זיך אויס־געדריקט: „פאַר איר קערפּער וואָלט מען געדאַרפט מאַכן אַ ספּעציעלן בית־עולם. ווייל זי באַלאַנגט ניט צו איין פאָלק, נאָר צו אַלע פעלקער.״ מ׳האָט זי מקבר געווען אין איר געבורט־פּלאַץ אין סידערוויל, אילינאָי. זי האָט געפונען איר אייביקע רו לעבן דעם מענטשן, וועמען זי האָט אַמשטאַרקסטן ליב געהאַט אין איר לעבן, לעבן איר פאָטער.

נאַטירלעך וועט מען איר שטעלן אַ סך מאָנומענטן. דער שענסטער מאָנומענט וועט אָבער זיין, ווען מ׳וועט אויפהערן פירן מלחמות און ס׳וועט איינגעשטעלט ווערן אַ שטענדיקער פרידן אויף דער וועלט.

לעצטנס דערשינענע אויסגאַבן
פון
קאָאָפּעראַטיוון פֿאָלקס פאַרלאַג

געקליבענע דערציילונגען
פון א. מייזל
312 זייטן, שיין געבונדן.

אונדזער בוך
ליטעראַטור לייענבוך פאַר די אָרדן מיטלשולן
384 זייטן, רייך אילוסטרירט.

שלום עליכם
(צו זיין 80סטן געבורטסטאָג)
פון נחמן מייזיל
48 זייטן

קולטור און פאָלק
פון מ. אָלגין
24 זייטן

מוטער בלור
פון רייזל ביילעס
16 זייטן

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:
קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג פון
אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן
80 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק, נ. י.